# קאַפּיטל פֿיר

און ווידער האָט ער אָנגעהויבן צו לערנען בײַם 1
ים; און עס האָט זיך פֿאַרזאַמלט בײַ אים אַ זייער
גרויסער המון מענטשן, אַזוי אַז ער איז אײַנגעשטיגן
אין אַ שיפֿל, און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן
ים; און דער גאַנצער המון מענטשן איז געווען
בײַם ים אויף דער יבשה. און ער האָט זיי געלערנט 2
אַ סך זאַכן מיט משלים, און האָט צו זיי געזאָגט אין
זײַן תורה: הערט זיך צו: זע, דער זייער איז 3
אַרויסגעגאַנגען צו פֿאַרזייען. און עס איז געשען, 4
בשעת דעם זייען זענען אייניקע (זאָמען) געפֿאַלן
בײַם וועג, און די פֿייגל זענען געקומען און האָבן
זיי אויפֿגעגעסן. און אַנדערע זענען געפֿאַלן אויף 5
דעם שטייניקן באָדן, וואו זיי האָבן נישט געהאַט
קיין סך ערד; און האָבן גלײַך אויפֿגעשפּראָצט צוליבן
נישט האָבן קיין טיפֿקייט פֿון ערד; און ווען די זון איז 6
אויפֿגעגאַנגען, זענען זיי פֿאַרוועלקט געוואָרן, און
ווײַל זיי האָבן נישט געהאַט קיין וואָרצל, זענען זיי
פֿאַרדאַרט געוואָרן. און אַנדערע זענען געפֿאַלן 7
צווישן די דערנער, און די דערנער זענען אויפֿ־
געוואַקסן און האָבן זיי דערשטיקט, און זיי האָבן
נישט געגעבן קיין פֿרוכט. און אַנדערע זענען 8
געפֿאַלן אויף דער גוטער ערד, און האָבן יאָ געגעבן
פֿרוכט, וואָס האָט אויפֿגעשפּראָצט און איז געוואַקסן;
און האָבן געבראַכט איינס—דרײַסיקפֿאַכיק, און
איינס זעכציקפֿאַכיק, און איינס—הונדערטפֿאַכיק. און
ער האָט געזאָגט: ווער עס האָט אויערן צום הערן, 9
דער זאָל הערן!